# בראש יקירא

כתה ז׳ ח׳

תלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר
לאנדאן

## דורש טוב

## ציצים ופרחים

## טעמים ומנהגים

## מעשיות - משל ומליצה

ב"ה

# ברזא יקירא

תלמוד תורה "תורה ויראה" דרב"י דסאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
פה לאנדאן יצ"ו

כתה ז' ח'

יום הקדוש

## דורש טוב

**ועניתם את נפשתיכם.**

עס שטייט אז ווער עס עסט ערב יו"כ ווערט גערעכענט ווי ער פאסט פארוואס?

ענטפערט די ר"ר אלימלך ווען מען דערמאנט זיך פון יום הדין קען מען נישט עסן אז מען דארף עסן איז עס אזוי ווי מען פאסט.

(מנחם גרשון פעלדמאן כתה ח')

**ועניתם את נפשותיכם.**

מען קען מרמז זיין אז די תורה האט געהייסן פאסטן אין יום כיפור כדי צו פארעכטן אויב מען עסט נישט ווי ס'דארף צו זיין דורך דעם יאר.

מ'קען עס מסביר זיין בדרך חשבון:

דער שיעור פון א סעודה איז 2 מינוט (כדי אכילת פרס לכמה דיעות) און א מענטש עסט יעדן טאג 2 סעודות, ווי ס'שטייט אין די גמרא אין כתובות, און מן התורה דארף מען דאך נאר פאסטן יום כיפור. אויב אזוי איז דא 364 טעג אין א יאר וואס מען קען עסן. קומט אויס אז א יאר עסט מען לכה"פ 1456 מינוט. ווייל 4 מאל (4 מינוט) 364 איז 1456 און אין א טאג (פון יום

## טעמים ומנהגים אויף "יום כיפור"

**פארוואס מען גייט צו תשליך**

א. ווייל ביי די וואסער זעהט ווי עס הייבט זיך אויף צו השי"ת און מיר ווילן זיך אפלערנען פון די וואסער וויאזוי צו ווענדן זיין נאנט צו השי"ת גייט אין די זמני התשובה צו תשליך. (ישמח משה)

ב. ווייל בשעת'ן גיין צו די עקידה האט ער געדארפט דורכגיין א וואסער ביז עס איז אנגעקומען צום האלדז און ער האט געשריגן הושיעה ד' כי באו מים עד נפש. (ילקוט הק')

ג. ווייל וואסער ווייזט אויף חסד און כדי מעורר צו זיין חסדים אויף אידן גייט מען צום וואסער בעטן השי"ת זאל אונז מוחל זיין אויף אלע עבירות. (של"ה הק')

**עשרת ימי תשובה**

א. די צען טעג וואס ווערט אנגערופן עשרת ימי תשובה דאס איז מתקן צו זיין יעדן טאג פון די צען טעג איינס פון די עשרת הדברות. (יערות דבש)

ב. די צען טעג פון תשובה ווייזט אויף חסד פון השי"ת וואס וויל אז אידן זאלן תשובה טוהן דאס איז מרומז קעגן יו"ד ה"י וי"ו ה"י וואס איז צען אותיות וואס די שם ווייזט אויף חסד. (ספרים הקדושים)

ג. די זיבן טעג צווישן ראש השנה און יום הכיפורים דארף מען זעהן צו פארעכטן יעדן טאג די טאג וואס מען האט געטוהן א גאנץ יאר אזוי אלע זיבן טעג פון וואך. (יערות דבש)

כיפור) איז דא 24 שעה און אין יעדער שעה איז דא 60 מינוט, איז 24 מאל 60 איז 1440 מינוט לייגט צו תוספות יום הכיפורים וואס איז צוויי דריטעל פון א מיל, און א מיל איז לויט'ן רמב"ם 24 מינוט איז א צוויי דריטעל 16מינוט קומט אויס אז 1440 פון יום כיפור, מיט 16 מינוט פון תוספות יום כיפור צוזאמען איז עס 1456 מינוט "פונקטליך" אזוי פיל ווי א מענטש דארף האבן צייט צו עסן א גאנץ יאר.

הגאון מאוסטראבצא זצ"ל

(מנחם גרשון פעלדמאן כתה ח')

(נפתלי ראפופורט כתה ז')

**מערב עד ערב תשבתו שבתכם.**

די סגולה פון יו"כ איז צו דערנענטערן ביאת משיח דאס זאגט די פסוק תשבתו שבתכם דורך יו"כ וועט איר פראווען דעם טאג וואס ווערט אנגערופן יום שכולו שבת:

ישמח משה

(שמואל בענעדיקט כתה ח')

**ותשובה ותפלה וצדקה.**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס רעכנט מען "וצדקה" די

# מעשיות

**ונתנה תוקף קדושת היום**

די שטיקל פון ונתנה תוקף האט געמאכט א מענטש מיט'ן נאמען רבי אמנון, רבי אמנון האט געוואוינט אין די שטאט מאגענצא אין דייטשלאנד, ער איז געווען די גדול הדור און אן עושר און א מיוחס, אויך אריז ער געווען זייער א שיינע מענטש מיט א שיין געשטאלט, דער קעניג מיט זיינע שרים האבן אים אייביג צוגערעדט אז ער זאל זיך שמד'ן ר"ל אבער ער האט נישט געוואלט. איינמאל ווען מען האט אים געבעטן זיך צו שמד'ן האט ער געזאגט אז מען זאלווארטן דריי טעג און ער וועט עס איבערטראכטן ווען ער איז אנקומען אינדערהיים האט ער געטראכט וואס עס וועט הייסן אז דריי טעג וויים איך נישט ווער די אויבערשטער איז ח"ו און ער האט זייער געוויינט און ער האט גארנישט געוואלט עסן פאר א גאנצע דריי טעג ביז ער איז געווארן זייער קראנק, עס איז געקומען די דריטע טאג און די קעניג האט אים געשיקט רופן האט ער געזאגט אז ער וויל נישט גיין האט די קעניג געזאגט אז מען זאל אים ברענגן מיט געוואלד, ווען ער איז אנגעקומען פרעגט אים דער קעניג פארוואס ביסטו נישט געקומען, האט ער געענטפערט איך וועל אליין ארויס געבן מיין שטראף אז די צונג וואס האט געזינדיגט זאל מען אפשניידן האט די קעניג געזאגט ניין די צונג האט נישט געזינדיגט נאר די פיס האט געזינדיגט, און די קעניג האט געהייסן אפשניידן די הענט און פיס און אים אהיים טראגן מיט א בעט מיט אלע שטיקלעך פון זיין הענט און פיס. ער איז געליגן אין בעט ביז ראש השנה, ראש השנה האט ער געבעטן מען זאל אים טראגן אין בית המדרש נעבן די שליח ציבור, ווען די שליח ציבור האט געהאלטן ביי קדיש פון מוסף האט ער געזאגט מען זאל זיין שטיל און ער האט אנגעהויבן זאגן ונתנה תוקף ווען ער האט געענדיגט האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה, דריי טעג שפעטער איז ער געקומען צו זיין תלמיד אין חלום און געזאגט אז מען זאל איבעראל זאגן ונתנה תוקף און ער האט אים אויסגעלערנט די גאנצע שטיקל, אזוי פירט מען זיך צו זאגן איבעראל ראש השנה ביי מוסף ביזן היינטיגן טאג זי"ע.

(מנחם גרשון פעלדמאן כתה ח')

דריטע און נישט די ערשטע? נאר עס געפינען זיך ליידער בעוה"ר מענטשן וואס זענען עובר אויף די גאנצע תורה רח"ל און כדי צו פארדעקן זייערע שלעכטע מעשים געבן זיי צדקה ווייל זיי קלערן אז מיט דעם וועלן זיי האבן א כפרה אויף זייערע מעשים. דעריבער שטייט "וצדקה" צום לעצט צו ווייזן אז צדקה העלפט צו מבטל זיין שלעכטע גזירות נאר ווען מ'טוט פאר דעם תשובה.

**דברי יואל**

(יחזקאל יואל גאטטעסמאן, כתה ח')

**זכרינו לחיים**

מיר בעט זכרינו לחיים אפילו דאס גייט ארויף בעיקר אויף "חיים נצחיים" אבער מען דארף לעבן אויף דער וועלט. וועגן דעם איז די כוונה אויף צוויי זאכן אויף חיים נצחיים. און צו לעבן אויף דער וועלט.

**דברי יואל**

(יחזקאל גאלדשטיין כתה ח')

**באין מליץ יושר מול מגיד פשע תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט**

ס'שטייט אין זוהר הק' אז ראש השנה גייט די שטן און זאגט פאר די אויבערשטער אז די אידן האבן געטוהן

# משל ומליצה

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו.**

דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין לפני ה' תטהרו פאר וועם דעם אויב נישט פארן אויבערשטען מען קען עס מפרש לויט א משל פון א קעניג וואס זיינע קינדער האבן געזינדיגט האט ער זיי פארטריבן פון זיין פאלאץ ביז זיי וועלן זיך אוועק קערן פון זייערע שלעכטע וועגן אבער דער מלך האט דאך רחמנות געהאט אויף זיי האט ער געשיקט דארט אפאר פון זיינע חברים אז זיי זאלן אויפפאסן אויף די קינדער און ווען זיי האבן עפעס געדארפט האבן די מענטשן געבעטן די קעניג און דער קעניג האט עס געגעבן ווען די קינדער האבן געזעהן אז זיי האבן אלעס וואס זיי דארפן האבן זיי זיך צוריק געקערט צו די שלעכטע וועגן. ווען דער קעניג האט דאס געזעהן האט ער אוועקגענומען די מענטשן פון דארט אזוי אז דער קינדער זענען געבליבן אליינס דארט און נישט געהאט אלעס האבן זיי שוין געמוזט תשובה טוהן און דער קעניג האט זיי צוריק גענומען און דער נמשל איז אז אמאל האט מען געהאט א בהמ"ק און מען האט געהאט כהנים וואס האבן מכפר געווען דורך די קרבנות אבער מען האט זיך פארזינדיגט האט אונז דער אויבערשטער פארטריבן פון ארץ ישראל אבער ער געשיקט זיינע צדיקים וואס זיי האבן אלץ מתפלל געווען פאר אונז אבער ווען דער אויבערשטער האט געזעהן אז מען קערט זיך נאך אלץ נישט צוריק האט ער אוועק גענומען די צדיקים און אונז געלאזט אליין און יעצט ווארט דער אויבערשטער אז מען זאל תשובה טוהן דאס זאגט די פסוק כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם אז אין די פריעדיגע דורות האבן אונז געהאט צדיקים וואס האבן אונז מכפר געווען אבער יעצט ווען מ'האט זיי שוין נישט לפני ה' תטהרו דארף מען זיך אליינס מטהר זיין און בעטן ביים אויבערשטען.

דברי יואל

(חיים אהרן לאנדא כתה ח')

עבירות זאגט אים די אויבערשטער ברענג צוויי עדות זאגט די שטן אבער די אויבערשטער וויסט סיי ווי אלעס זאגט די אויבערשטער אבער כ'וויל אז די משפט אין הימל זאל זיין די זעלבע ווי די משפט ביי די אידן גייט די שטן און טרעפט די זון פאר אן עד און גייט זוכן די לבנה און ער טרעפט עס נישט ווייל ראש חודש קען מען נישט זעהן די לבנה במילא באקומען די אידן נישט קיין שטראף ווייל ס'איז נאר דא איין עד, און באמת דאס וואס די זוה"ק זאגט איז נישט ווען רוב זענען זכיות ווייל דערמאלטס וויל די אויבערשטער פסק'ענען אן עדות און ס'איז אויך נישט ווען ס'איז האלב עבירות און האלב מצוות ווייל די גמרא זאגט אז ווען ס'איז האלב מצוות נעמט די אויבערשטער אוועק איין עבירה און ס'ווערט רוב מצוות נאר ווען ס'איז דא רוב עבירות בעט די אויבערשטער צוויי עדות און די שטן טרעפט נישט, דאס קען זיין פשט "באין מליץ יושר" ס'איז נישט דא ווער ס'זאל זאגן גוטס "מול" ווייל די וואגשאל וואס די מצוות און עבירות זענען קעגן איבער "מגיד פשע" ווייזט אז רוב זענען עבירות "תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט" זאלסטו זאגן אז דיין משפט איז די זעלבע ווי די אידן וועט די שטן זוכן צוויי עדות און וועט נאר טרעפן די זון און די אידן וועלן זיין אומשולדיג.

**ערבי נחל**

(יוסף לייב עסטרייכער, כתה ח')

**המשך טעמים ומנהגים אויף "יום כיפור"**

**פארוואס עס איז א מצוה צו עסן ערב יום כיפור**

א. צו ווייזן אז השי"ת האט אונז ליב און וויבאלד השי"ת האט אונז מחייב געווען צו פאסטן יום כיפור און כדי דאס זאל נישט שאטן פאר מענטשן האט השי"ת געהייסן עסן א טאג פאר דעם.

ב. ווייל דורך די עסן וואס איז א מצוה איז מען מתקן אלע מאכלים וואס מען האט נישט געגעסן ווי עס דארף צו זיין.

ג. צו ווייזן אז מען האט בטחון אין השי"ת אז עס וועט זיין א גוט יאר פארדעם עסט מען א סעודה ערב יום כיפור.

ד. ווייל באמת קען א איד נישט עסן פון פחד פונעם הייליגן טאג אויב ער שטרענגט זיך אן און ער עסט איז דאס אויך א וועג וויאזוי זיך צו פייניגן. (ייטב פנים)

**לפני ה' תטהרו.**

ווען א מענטש טראכט אז אלעס איז לפני ה' פארן טראכטן אליין תטהרו ווערט מען גערייניגט.

**תפארת שמואל**

(מנחם גרשון פעלדמאן כתה ח')

**ועניתם את נפשותיכם.**

ווען מען פרעגט פארוואס זינדיגט איר ועניתם זאלט איר ענטפערן נפשותיכם דאס איז ווייל מען געט נישט שפייז פארן נפש און די נפש איז

נישט אויסגעארבעט קען זיך עס נישט צוריקהאלטן.

הרה"ק ר' מאיר מפרעמישלאן זצ"ל

(מנחם גרשון פעלדמאן כתה ח')

**באין מליץ יושר מול מגיד פשע תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט וצדקינו במשפט המלך המשפט.**

קען זיין פשט ווייל ס'שטייט אין מדרש אז ס'שטייט אין פסוק יגל יעקב ישמח ישראל פארוואס שטייט פונקט יעקב פארוואס שטייט נישט יגל אברהם יגל יצחק נאר יגל יעקב ווייל ווען די אידן באקומען א שטראף פאר זייערע עבירות באקומט יעקב אויך א שטראף און ווען די אידן פרייען זיך פריידט זיך יעקב די מערסטע ווייל ווען די אידן זענען טרויעריג פאר זייער שטראף באקומט יעקב אויך א שטראף, דאס זאגט די פיוט "באין מליץ יושר מול מגיד פשע" ווען ס'איז נישט דא איינער וואס זאל זאגן גוט קעגן די עבירות "תגיד ליעקב דבר חק ומשפט" זאלסטו זאגן אז יעקב באקומט אויך שטראף במילא זאל מען נישט געבן פאר אונז א שטראף "וצדקינו במשפט המלך המשפט".

**אמרי יהודה**

(יוסף לייב עסטרייכער, כתה ח')

לכאורה דארף מען פארשטיין די הייליגסטע טאג פון יאר איז יו"כ אויב אזוי פארוואס טאר מען נישט גיין אין מקוה אין יו"כ ענטפערט הגה"צ ר' מנחם זאב שטערן ז"ל רב בגבעת שאול בירושלים עה"ק, אזוי ווי שבת טאר מען נישט לייגן תפילין ווייל תפילין איז א אות צווישן באשעפער מיט כלל ישראל און אויך שבת איז אן אות ממילא טאר מען נישט שבת לייגן תפילין עס זאל נישט זיין א זלזול אין די אות פון שבת אזוי אויך יו"כ איז די טאג אליין מטהר, ווי ס'שטייט כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם" ממילא כדי עס זאל נישט זיין א זלזול אין די טהרה פון יו"כ טאר מען נישט גיין זיך מטהר זיין אין מקוה.

(אברהם לייב מאקובעצקי כתה ז')

**כי ביום הזה יכפר עליכם.**

כי ביום הזה ווען מ'טראכט אז מ'האט נאר דעם איינעם טאג יום כיפור און דער טאג גייט שוין באלד אדורך און מ'נוצט אויס דעם טאג ווי עס דארף צו זיין דערמאלטס פארצייט השי"ת אויף אלע זינד.

ייטב פנים

(מנחם גרשון פעלדמאן, שמואל בענעדיקט כתה ח')

(מנחם מאיר הלוי מאנן, נפתלי ראפופורט כתה ז')

לפני ה' תטהרו.
ווען א איד גלויבט אז ער שטייט לפני ה' און אן זיין הילף קען ער גארנישט טוהן דער געדאנק אליין תטהרן רייניגט אויס די מחשבות און ברענגט אים נאנט צום באשעפער.

תפארת שמואל אלכסנדר

(שמואל בענעדיקט כתה ח')

אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים וכו' ואומר מקוה ישראל ה' מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקדוש ברוך מטהר את ישראל

דארף מען פארשטיין ווי אזוי קען מען צוגלייכן תשובה טוהן צו מקוה. נאר מען קען ענטפערן אפילו א מענטש האט געטוהן אסאך עבירות איז גלייך ווען ער טוט תשובה איז מען אים מוחל דער זעלבע זאך איז מקוה אפילו ער איז אסאך מאל טמא געווארן אז ער גייט איין מאל אין מקוה

# קדושת יום הכיפורים

א. בעצם יום הכיפורים איז דער אויבערשטער מעורר יעדן איד אז ער זאל תשובה טוהן פון טיפעניש פון הארץ.

(דברי חיים)

ב. יום כיפור איז השי"ת מקרב אלע נשמות פאר אים ביז יעדע איד שפירט די אהבה און דורך די אהבה וואס השי"ת ווייזט ארויס פאר יעדן איד איז ער מוחל אלע עבירות.

(באר מים חיים)

ג. יום כיפור ווערן אלע עולמות מתוקן אפי' עס איז געשען א פגם פון עבירות פון א גאנץ יאר.

(מהר"ש מבעלזא)

ד. יעדער יאר יום כיפור איז מען מתקן נאך א יאר ביז מען איז זוכה אלעם מתקן צו זיין און דערמאלטס וועט משיח קומען

(דברי חיים)

# פארוואס מען גייט אנגעטוהן בבגדי לבנים

א. כדי צו דערמאנען דעם מענטש אז מיט אזעלכע בגדים וועט ער אפגעבן א דין וחשבון פאר השי"ת ווען עס קומט זיין צייט און אזוי וועט ער נתעורר ווערן צו תשובה צו טוהן.

(ישמח משה)

ב. כדי צו ווייזן דעם מענטש אז אזוי ווייס ווי די קליידער זענען אזוי ריין דארף זיין די נשמה פון עבירות.

(ישמח משה)

גלייך ווען ער טובל'ט זיך איז ער טהור.

שערי שמחה

(משה לייב לעוו כתה ח')

די גמרא זאגט מ'האט געפרעגט רבי אליעזר אויב מען האט אראפ געווארפן דער שעיר המשחלח און ס'איז נישט געשטארבן דארף מען עס הרג'ענען האט ער געענטפערט כן יאבדו כל אויביך ה'. מ'דארף פארשטיין וואס פאר א מין תשובה איז עס? מיט דעם וואס ס'שטייט פון אור החיים הקדוש אויף דעם פסוק והשעיר אשר עלה עליו הגורל לעזאזל יעמד חי, וואס מיינט יעמד חי? אז ער זאל זיך נישט גלייך מתוודה זיין וייל נאכדעם וואס ער האט זיך מתוודה געווען איז די בהמה שוין בגדר מת און אפילו מען האט נאכנישט אראפגעווארפן די בהמה איז ער שוין אזויוי א טויטער איז וועגן דעם זאגט ער כן יאבדו כל אויביך ה' וועגן ער איז שוין א טויטער.

ברך משה

(משה הלוי פריעדמאן כתה ח')

**ולקח את שני השעירים.**

שטייט אין מסכת יומא (סז.) אז מען האט ארום געבינדן א רויטע שטריק ארום די קאפ פונעם שעיר און טאמער עס איז געווארן ווייס איז מען געווען בשמחה טאמער עס איז נישט געווארן ווייס זענען זיי געווען טרויעריג, לכאורה איז שווער ווי אזוי קען זיין אז עס זאל נישט ווערן ווייס דער רמב"ם שרייבט דאך אז יום כיפור איז מכפר אין יעדע ענין, נאר עס זעהט אויס אז עס איז דא צוויי עדות צו פארעכטן אן עבירה איינס מחילה וסליחה וכפרה וואס דער אויבערשטער איז מוחל און באשטראפט נישט דער צווייטער איז אויסהיילן אלע קראנקייטן און מכות פון דער נשמה וייל ווען א מענטש טוט אן עבירה מאכט ער א וואונד אויף זיין נשמה, יום כיפור איז א יום מחילה וסליחה וכפרה וואס דער אויבערשטער איז יעדעם איינעם מוחל אבער אויסהיילן די נשמה קען מען נאר דורך תשובה אזוי ווי עס שטייט ושב ורפא לו (ישיה ק.) און לויט דעם קען מען פארשטיין טאמער עס איז נישט ווייס געווארן איז געווען א סימן אז אפילו די אויבערשטער איז מוחל און ער וויל נישט באשטראפן מיט דעם אלעם איז נאך דא מכות און וואונדן אויפן נשמה וואס מען דארף דאס מטהר זיין און אויסהיילן און וייל דעם זענען זיי געווען טרויעריג אבער טאמער עס איז יא געווארן ווייס איז עס געווען א סימן אז זיי האבן תשובה געטוהן מיט'ן גאנצע הארץ און עס איז נישט איבער געבליבן קיין איין וואונד אויפן נשמה און וועגן דעם האבן זיי זיך געפריידט.

ישמח משה

(ישעי' שלעזינגער כתה ח')

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו.**

קען זיין פשט לויט ווי ס'שטייט אין כתנות אור ווי אזוי קען מען תשובה טוהן די הלכה איז אז א בהמה וואס איז געווען כשר און ס'איז געווארן פסול און שפעטער איז עס צוריק געווארן כשר איז עס נאך אלץ פסול אויב אזוי פאר מ'טוט אן עבירה איז א מענטש כשר נאך דער עבירה פסול און ווען מ'טוט תשובה צוריק כשר אבער מ'קען דאך נישט צוריק ווערן כשר, ענטפערט די כתנות אור אז דער הלכה איז אז די בהמה קען נישט צוריק ווערן כשר ווייל די בהמה קען גארנישט טוהן אז ער זאל ווערן כשר נאר די מענטש דארף עס פארעכטן אבער ביי תשובה קען מען עס אליינס פארעכטן קען ער צוריק ווערן כשר, אבער דעס אז תשובה העלפט ווייל די מענטש טוט עס אליינס איז אבער ווען די אויבערשטער צווינגט אים צו תשובה דערמאלטס האט ער זיך נישט אליינס פאראכטן קען ער נישט ווערן כשר נאר ווען ער טוט אליינס תשובה ווערט ער כשר, דאס זאגט די פסוק "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם" וואס דער ריניגן איז דורך תשובה "לפני ה' תטהרו" אבער דער תשובה זאל זיין פון פריער וואס די אויבערשטער צווינגט דיר ווייל דעמאלטס וועט עס שוין נישט העלפן.

פרדס מרדכי

(יוסף לייב עסטרייכער כתה ח')

**כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה תטהרו.**

קען מען מפרש זיין אויף דעם וואס עס שטייט א דאפעלטן לשון לטהר אתכם און נאכדעם שטייט לפני ה' תטהרו און מען קען עס מבאר זיין לויט דעם וואס דער פנים יפות זאגט אויף ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר לויט דעם וואס עס שטייט המתפלל צריך שיאמר בתחילה ה' שפתי תפתח, אז ווען איינער דאווענט איז אזוי ווי ער שטייט אין היכל פונעם מלך און אויב דער מענטש וועט אריינטראכטן דער אמת ווי גרויס דער אויבערשטער איז און ער וועט זעהן ווי קליין א מענטש איז וועט ער מורא האבן צו עפענען זיין מויל איז וועגן דעם זאגט מען ה' שפתי תפתח אז דער אויבערשטער זאל עפענען זיין מויל אז ער זאל נישט מורא האבן .

איז דאס זאגט דער פסוק כי ביום הזה יכפר עליכם דורכ'ן דאווענען א גאנצן טאג און כדי צו קענען דאווענען לפני ה' תטהרו אז מען הייבט אן מיט א תפלה ה' שפתי תפתח און דערמאלטס עפענט דער אויבערשטער אויף דער מויל צו קענען דאווענען.

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

(חיים אהרן לאנדא, כתה ח')